**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/12/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט מער ווי $39 מיליאן באלוינט צו אנטוויקלען גרינטליכע פסיכיאטערישע דרינגנדע פראגראמען**

***גרינטליכע פסיכיאטערישע דרינגנדע פראגראמען געבן באלדיגע פלעגונג און באהאנדלונג פאר ניו יארקער וואס גייען אריבער א ביהעיווירעל געזונטהייט קריזיס***

***ניין באלוינונגען צו פארמערן די סך הכל לענגאויס די סטעיט צו 31 פראגראמען און געבן מער פלאץ צו סערווירן טויזנטער אינדיווידואלן וואס גייען אריבער א ביהעיווירעל געזונטהייט קריזיס***

גאווערנער קעיטי האקול האט היינט געמאלדן א סך הכל פון $39.1 מיליאן אין שטאטישע געלטער איז געווארן באלוינט צו ניין קאמיוניטי-באזירטע שפיטאלן צו אנטוויקלען נייע גרינטליכע פסיכיאטערישע דרינגנדע פראגראמען. איינמאל עס ווערט אוועקגעשטעלט, וועלן די פראגראמען לענגאויס די סטעיט אנקומען צו א סך הכל פון 31 פראגראמען און געבן די אזוי-געדארפטע פלאץ צו סערווירן טויזנטער אינדיווידואלן וואס גייען אריבער א ביהעיווירעל געזונטהייט קריזיס

"אויסגעברייטערטע שפיטאל-באזירטע פסיכיאטערישן דרינגנדע פראגראמען איז א קריטישע באשטאנדטייל פון אונזערע באמיאונגען צו פארשטערקערן ניו יארק סטעיט'ס מענטל העלטקעיר סיסטעם," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די געלטער וועלן געבן קאמיוניטי-באזירטע שפיטאלן געלטער אוועקצושטעלן נייע פראגראמען, כדי זיי זאלן שנעל קענען אנאליזירן און געבן פלעגונג פאר יעדער וואס גייט אריבער א ביהעיווירעל געזונטהייט קריזיס."

**OMH קאמישינער דר. אנן סאליוון האט געזאגט,** "גרינטליכע פסיכיאטערישע דרינגנדע פראגראמען געבן א פולע אויסוואל פון סערוויסעס פאר אינדיווידואלן וואס זענען אין א קריזעס אדער וואס זיכן באהאנדלונג. דורכ'ן צולייגן נאך נייע פלאץ אין קאמיוניטי-באזירטע שפיטאלן, וועט אונז זיין מעגליך צו שטארק צוגעבן צוטריט צו די קעיר לענגאויס די סטעיט, אריינגערעכנט געגנטער וואס מען האט פריער צו ווייניג סערווירט. די געלטער באשטעטיגן ווידעראמאל גאווערנער האקול'ס פולקאמע אנטשלאסנקייט צו פארשטערקערן אונזער סטעיט'ס מענטל העלט קעיר סיסטעם און וועט פארזיכערן אז אלע ניו יארקער האבן צוטריט צו די קריטישע סערוויסע וואס זיי קענען זיך פארלאזן אויף ווען זיי דארפן עס."

געגעבן דוך די סטעיט אפיס פון מענטל העלט, זענען די אנגעוואנדענע באלוינונגען געגעבן געווארן צו פינף שפיטאלן לאקירט אין ניו יארק סיטי און פיר וואס זענען לאקירט אין די אפסטעיט געגנטער צו אנטוויקלען און ארבעטן אויף נייע גרינטליכע פסיכיאטערישן דרינגנדע פראגראמען אדר אוועקשטעלן א לאקאציע וואס איז אונטער א הויפט לאקאציע. ווער עס איז נהנה פון די געלטער רעכנט אריין:

**ניו יארק סיטי:**

- סט. בארנאבאס שפיטאל, $5 מיליאן

- מאנטיפיורי מעדיקל צענטער, $4.6 מיליאן
- מיימאנידיס מעדיקל צענטער, $4.9 מיליאן
- פלאשינג שפיטאל מעדיקל צענטער, $4.5 מיליאן
- NYU לענגאון העלט, $5 מיליאן

**אפסטעיט ניו יארק:**

- פעקסטאן סט. לוק'ס העלטקעיר (אניידע קאונטי), $493,253
- אליען גענעראל שפיטאל (קאטאראוגעס קאונטי), $5 מיליאן
- ארנאט אגדען שפיטאל (טשעמאנג קאונטי), $4.8 מיליאן
- קלעקסטאן-העפבערן מעדיקל צענטער (סט. לאורענטס קאונטי), $4.8 מיליאן

גרינטליכע פסיכיאטערישע דרינגנדע פראגראמען זענען א וויכטיגע אריינקומונגס פונקט צו די מענטל געזונטהייט סיסטעם פאר אינדיווידואלן וואס דארפן א קריטישע באהאנדלונג אין א זיכערע און באקוועמע סביבה. זיי געבן א פולע איסוואל פון פסיכיאטערישע סערוויסעס צו ניו יארקער וואס גייען אריבער א ביהעיוויורעל געזונטהייט קריזיס, אריינגערעכנט אינדיווידואלן מיט צוזאמען-פאסירן דיסארדערס, סאבסטענץ באנוץ דיסארדערס, אינטערלעקטועל און אנטוויקלונג דיסעביליטיס, און מעדיצינישע אומשטענדן, און קענען אריננעמען אינדיווידואלן פאר מערסטנס 72 שעה אויב זיי דארפן מער אבזערוואציע.

די פראגראמען באקומען ריפערלס פון פראוויידערס, דרינגנדע מעדיצינישע סערוויסעס טראנספארט, פאליציי טראנספארט, און ווען מען קומט אריין (וואק-אינס). אידיווידואלן ווערן ערשט אונטערגעזוכט, דערנאך קומט מען צו א מסקנה און מען ווערט אונטערגעזוכט צו באשליסן זייערע מענטל געזונטהייט געברויכן. אינדיווידואלן ווערן דאן געגעבן א באהאנדלונגס-פלאן לויט זייערע באדערפענישן.

די פראגראמען רעכענען אויך אריין מאביל קריזיס סערוויסעס, וואס קענען רעאגירן צו ביהעיוויורעל קריזיס אין די קאמיוניטי און העלפן פארמינערן די געברויך פאר א דרינגנדע אונטערזוכונג אדער אז מען זאל דרינגנד דארפן ווערן אריינגענומען. מאביל קריזיס סערוויסעס שטיצן אויך אינדיווידואלן אין די קאמיוניטי בשעת זיי ווארטן אויף זייערע נאכפאלגונג סערוויסעס.

די געלטער זענען א טייל פון גאווערנער האקול'ס $1 ביליאן פלאן צו פארשטערקערן ניו יארק סטעיט'ס פארזעצונג פון מענטל העלט קעיר. מיט די מערהייט פון די געלטער שוין אין באזיץ, איז יעצט די פלאן צו געבן דינויטיגע געלטער צו עפענען נייע פראגראמען, פארברייטערן ווירקזאמע איניציאטיוון, און אנטוויקלען טויזנטער יוניטס פון ספעציעלע האוזינג צו דינען מענטשן וואס וואוינען מיט גייסטישע קראנקהייט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן